STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12411

SEFER HA-PRENUMERANTN

Berl Kagan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ספר הפרענומעראַנטן



יחזקאל אהרן כהן

רוים, ט״ז אדר ב׳, תש״ו — ניו־יאָרק, כ״ח טבת, תשל״ב

ספר הפּרענומעראַנטן

וועגווײַזער צו פּרענומערירטע העברעאישע ספרים און זייערע
חותמים פון 8,767 קהילות אין אייראָפּע און צפון־אַפריקע

פון

בערל כהן

די ביבליאָטעק פון
יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק
און „כתב" פּאָבלישינג האַוז
ניו־יאָרק, 1975

SEFER HAPRENUMERANTN

סובסידיעס:

American Academy for Jewish Research, New York.

Memorial Foundation for Jewish Culture, New York.

National Foundation for Jewish Culture, New York.

אַלעקס ראָבין, לאָס־אַנדזשעלעס, אין אָנדענק פון זיין פרוי שפרה ז״ל.

ווילי שאָר, לאָס־אַנדזשעלעס.

יוליוס און אַנאַ זיפין, סלינגערלענדס, נ״י.

שידלאָווצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ני־יאָרק.

קלענערע בייסטייערונגען: קראָפּאָטקין ליטעראַטור-געזעלשאַפט, לאָס-אַנדזשעלעס; „פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו-יאָרק; תנחום ברייס, לאָס-אַנדזשעלעס; משה נאָדעלמאַן, לאָס-אַנדזשעלעס.

© Copyright 1975 by
BERL KAGAN

Library of Congress Catalog Card Number 75-6632

בדפוס האחים שולזינגר ניו-יורק, נ.י.

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS., INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003

253

אין אייביקן אָנדענק

פון מײַן טײַערסטן אײינאונאײינציקן זון

יחזקאל אהרן

וואָס איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון מיר

אין זײַן שענסטער בליצײַט

פון פינף און צוואַנציק יאָר.

זײַן אייביק פאַראָבלטער

טאַטע

הָיָה אָדָם – וּרְאוּ: אֵינֶנּוּ עוֹד.

...שִׁירַת חַיָּיו בְּאֶמְצַע נִפְסָקָה.

ח. נ. ביאַליק

אינהאַלט

הקדמה IX

ספרים און שטעט 1

אינדעקסן:

1. ספרים 309

2. פּערזענלעכקייטן 321

3. בתי־תפילה 334

4. חברות 337

5. געאָגראַפישער אינדעקס — Geographical Index . . 338

הוספות און תיקונים 380

Foreword V

Introduction VII

וועגן באַמערקטע טעותן אין נעמען פון ערטער
און מענטשן ווערט געבעטן מודיע זײַן:

BERL KAGAN
2350—64TH STREET
Brooklyn, N. Y. 11204

אַלע תיקונים וועלן געגעבן ווערן בשם אומרם
אין מײַן געפּלאַנטן מילואים-העפט.

הקדמה

מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק ביז גאָר נאָענט צו אונדזער תקופה איז געווען אַ פאַרשפּרייטער מנהג בײַ מחברים, דער עיקר רבנישע, זיך אַרויסצוהעלפן בײַם אַרויסגעבן אַ חיבור דורך קלײַבן פאָרויסגעצאָלט בײַ די פּאָטענציעלע קונים. היות קיין מחבר האָט ניט געהאַט קיין האָפענונג צונויפצוקלײַבן אין זײַן שטאָט גענוג געלט, וואָס זאָל דעקן די דרוק־הוצאות און ס׳זאָל נאָך בלײַבן אַ שטיקל הכנסה פון דעם, האָט ער פאַרן זעלביקן צוועק גענומען באַזוכן די אַרומיקע מקומות פון זײַן שטאָט און גאַנץ אָפט אויך גאָר ווײַטע יידישע ישובים.

דער אַלגעמיינער דרך איז געווען, אַז דער מחבר פלעגט אַרײַנגיין צום רב פון שטאָט, וואו ער האָט געוואָלט קלײַבן אַבאָנענטן פאַר זײַן חיבור, און ווײַזן זײַן כתב־יד. אויב דער מאַנוסקריפּט האָט שוין געהאַט הסכמות פון אַנדערע רבנים אָדער דער רב אַליין האָט געזען, אַז דער חיבור איז ברוח התורה און איז ווערט געדרוקט צו ווערן, — דעמאָלט פלעגט דער רב געבן דעם מחבר איינעם אָדער צוויי בעלי־בתים אים צו באַגלייטן בײַם קלײַבן חותמים אויף זײַן נאָך ניט געדרוקטן ספר. אַ משכילישער מחבר פלעגט, פאַרשטייט זיך, גיין צו אַ משכיל אין שטאָט, וואָס פלעגט אים די נעמען פון די יעניקע, וואָס האָבן באַצאָלט אין פאָרויס אָדער כאָטש געגעבן האַנטגעלט, פלעגט דער מחבר פאַרשרײַבן בײַ זיך, פאַרנאָטירנדיק די שטאָט און ניט זעלטן אויך דעם מעמד פון אַבאָנענט. בײַם אָפּדרוקן זײַן חיבור פלעגט דער מחבר פאַרעפנטלעכן, דאָס רוב צום סוף פון ספר, די נעמען פון די חותמים, און דאָס פלעגט מערסטנס זײַן גרופּירט לויט זייערע שטעט. די דאָזיקע אָנגעגעבענע נעמען אויף ספרים זײַנען עס די פּרענומעראַנטן־רשימות, וואָס מיט זיי פאַרנעמט זיך אונדזער חיבור. די דאָזיקע רשימות זײַנען אַ וויכטיקער צוגאָב־מקור צו דער יידישער קולטור־געשיכטע אין אייראָפּע, באַזונדערס איצט, נאָכן גרויסן היטלער־חורבן, ווען די „פּנקסים" און אַנדערע אָריגינאַל־דאָקומענטן זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע קהילות.

* * *

פון ווען אָן קען מען רעכענען דעם אָנהייב־מנהג פון דרוקן פּרענומעראַנטן־רשימות אין ספרים ?

לויט אונדזערע ידיעות, געפינט זיך אויף פופצן יאָר צוגרייט־אַרבעט פאַרן דאָזיקן חיבור, איז די בראשית־דאַטע פון אַזאַ מנהג ווי אַ מאַסן־דערשײַנונג אַרום אָנהייב לעצטן פערטל פון
פירן צו משכילישע יידן אין יענעם אָרט.
אַכצנטן יאָרהונדערט.

ווען מיר ריידן וועגן פּרענומעראַנטן־רשימות, דאַרף מען האָבן אין זינען צוויי זאַכן: 1) עס רעדט זיך דאָ בלויז וועגן געדרוקטע רשימות — געקליבן פּרענומעראַנטן, אָבער ניט געדרוקט זייערע נעמען, האָט מען אַ צײַט פאַר דער אָנגעגעבענער דאַטע. 2) דאָ רעדט זיך ניט וועגן מעצענאַטן און נדבנים, וואָס האָבן מיט גרעסערע סומעס געהאָלפן אַ מחבר אַרויסגעבן אַ ספר. אַזעלכע קען מען געפינען אין ספרים מיט אַ סך יאָרן פריער ווי אונדזער אָנגעגעבענע דאַטע.

אין דאָזיקן חיבור גייען אויך ניט אַרײַן אַזעלכע ספרים, וואָס מען האָט זיך פּרענומערירט אויף זיי בויגנווײַז. אַזאַ סאָרט פּרענומעראַנטן איז אַ סך עלטער ווי אונדזער אויבן געבראַכטע דאַטע. זאָלן דאָ געגעבן ווערן עטלעכע בײַשפּילן.

אין מחזור אַמשטערדם, תצ״ג, ווערט צ״אַ געזאָגט אין „התנצלות המדפיס": „... מוז מודה זיין דס איך נאָר איין שליח בין פון דיא מזכה הרבים, דס זיינן יחידי סגולה דיא מיר מסייע זיין דר צו בחתימת ידיהם אום כל שבוע פון איר צו נעמן בוגן וויז... דאס קומט דארך דיא חתימות, ובאם דז ניט ווער, העט דר גימיין מאן קיין ספר אין הויז דען עס ווער אים צו סווער אום אויך איין מאָל אויס צו געבן..."

עטלעכע יאָר פריער, אין 1725, האָט אליעזר זוסמאַן בן יצחק רודולסום אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין אַמסטערדאַם דעם „מגישי מנחה". אין דער הקדמה ווערט געזאָגט: „(על כן העיר ה׳

אותנו) דז מיר האבין אן גינומן זוליך גוצליך ווערק וועלכש הילט (מלאכת ה׳ בצירוף סיועת יחידי סגולה בעלי בתים...) דיא דאָ האבין מחזיק ידינו גוועזין אום זעלכש ווערק ביי ביגן [בויגן] צו נעמין״.

אין 1735 האָט שלמה זלמן לאָנדאָן אויפן זעלביקן אופן אַרויסגעגעבן אין אַמסטערדאַם דעם באַקאַנטן מוסר־ספר „ארחות צדיקים״.

דער דערמאָנטער אליעזר רודולסום האָט אין 1738 זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אין אַמסטערדאַם דעם „ספר המגיד״ פון ר׳ יעקב בר׳ יצחק אַשכנזי פון יאַנאָוו, מיט דער הילף פון „חתימות... דש דר גמיינשטער מאן קען צו איין ספר קומן אום איינציגווייש כל שבוע ב׳ או ג׳ בש [באַץ?] אויש צו געבין״.*

די ערשטע אויסגאַבע פון תשב״ץ** (אַמשטרדם, תצ״ח־תק״א) האָט אויך חותמים, אָבער דאָס זײַנען ס׳רוב נאָר קצינים, נדיבים, גבירים וכד׳ און שטעלט ניט פאָר מיט זיך די קלאַסישע פאָרעם פון פרענומעראַנטן־רשימות, וואָס דער דאָזיקער חיבור פאַרנעמט זיך מיט זיי.

די בויגן־פרענומעראַציע איז ניט תמיד געווען הצלחהדיק. אַזוי, למשל, דערציילן די אַרויסגעבערס פון ש״ס אַמשטרדם (אין מסכת נדה, תקכ״ה), אַז דער „עיכובא בש״ס״ איז צוליב דער קליינער צאָל חותמים און אַז מען האָט געמוזט אָנקומען צו מעצענאָטן צו פאַרענדיקן דרוקן דעם ש״ס.

אַן ענלעכע זאַך גיט אויך איבער מנחם מן אין זײַן „שארית ישראל״ (אמ״ד, תק״ג) וועגן בנימין מוסאַפיאַס „פירוש נחמד אויף די גמרא ירושלמי. דאָס זעלביקע האָט געזאָלט געדרוקט ווערן בשנת תק״א לפ״ק מיט חתימות אָבער עס איז ניט פאָרטגעגאַנגען זאָ אַז עס עד הנה נאָך ניט געדרוקט״ (מאָדערניזירטער אויסלייג).

אַמסטערדאַם, משמעות, איז געווען פיאָנעריש אין דער יידישער פרענומעראַציע־סיסטעם לויט בויגנס. פון איר האָבן עס שפּעטער איבערגענומען אַנדערע יידישע אַרויסגעבערס, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרויסע ספרים, ווי תנ״ך, ש״ס, אַלפס וכדומה.***

• • •

די פרענומעראַנטן־סיסטעם ווי אַ מאַסן־דערשײַנונג, ווען די מחברים זײַנען געגאַנגען דירעקט צום פאָלק, האָט אַ קענטיקן חלק אין באַרײַכערן אונדזער ספרים־ליטעראַטור — ספרים אָבער ניט ביכער. אין פאַרגלײַך צו פרענומערירטע רבנישע ספרים מאַכן אויס פרענומערירטע השכלה־ביכער ווייניקער ווי איין פּראָצענט. ווען מען זאָל נאָך פאַרגלײַכן די צאָל חותמים און זייערע שטעט צווישן די דאָזיקע צוויי סאָרטן ליטעראַטור, וועט מסתמא איינס צו טויזנט אויך זײַן צו פיל.

פאַר וואָס אַזאַ הצלחה אין דער פרענומעראַציע פון דער רבנישער ליטעראַטור?

די סיבה איז אַ פּשוטע: קויפן אַ רבנישן ספר הייסט מיטהעלפן הרבצת התורה — אַ גרויסע מצווה, וואָס אַפילו אַ סתם ייד האָט זיך געיאָגט נאָך איר. טויזנטער פון די חותמים האָבן זיך ניט געקענט באַנוצן מיט אַ סך פרענומערירטע ספרים — אָבער זיי האָבן דאָך פאַקטיש ניט געקויפט דעם ספר, נאָר די מצווה פון קויפן אַ ספר.

און נאָך אַ טעם: דאָס אָפּדרוקן דעם אייגענעם נאָמען אין אַ הייליקן ספר איז בײַ אַ סך פרומע יידן אויסגענוצט געוואָרן פאַר הזכרות נשמות אָדער אויך ווי אַ סגולה פאַר לעבעדיקע. דעריבער געפינען מיר, ווי פרענומעראַנטן גיבן „להזכרת נשמת״... „לעילוי נשמת״... אָדער „ויפקדהו הא־ל בזרע אנשים״, „ויפקדהו הא־ל בבנים זכרים״ וכדומה.

ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס אַנשטאָט דאָס וואָרט „פרענומעראַנטן״ ווערט אַנדערש מאָל גענוצט דער טיטל „תומכי דאורייתא״.

---

* „יידישע פילאָלאָגיע״, ב׳ 1, נ״י, ז׳ 388־390.

** זע אויך: שמחה אסף, „באהלי יעקב״, ע׳ 19 און זײַן אַרטיקל אין „עם הספר והספר״, ת״א, תשכ״ד, ע׳ 48.

*** אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק געפינען זיך אַ ריי קול קוראס וועגן ספרים, וואָס מען קען זיך פרענומערירן אויף זיי.

הקדמה

אפילו דער עצם פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די פרענומעראַנטן איז מאָטיווירט געוואָרן מיט אַ מצווה, פאַררופן אויף גאונים און גדולים.

אין מסכת אבות, וואָס נח חיים מקאָברין האָט אַרויסגעגעבן (וואַרשע, תרכ״ח), ווערט מאָטיווירט דאָס אָפּדרוקן „שמות מקבלי הספר״ אַזוי: „הרשב״א בתשובה סי׳ תקפ״א — מדת התורה היא שהיא כותבת ומפרסמת עושי מצוה, ואם התורה עשתה כן, צריכין אנו להלוך אחרי מדותיה של תורה״.

אין „כנפי יונה״ לרמ״ע מפאנו ברענגט דער אַרויסגעבער אַנדערע ווערטער פון רשב״א: „ובפ׳ יש נוחלין דף קל״ג עמדו וכתבו יוסף בן יועזר הכניס אחת ובניו הכניסו שש, מכאן אתה למד שהיו נוהגין לרשום שמות המקודשים לשמים להיות להם לזכרון טוב על מצות״.

אַן אַנדער מחבר, יודא גרינוואַלד, באַגנוגנט זיך ניט מיטן רשב״א וועגן „מצוה לפרסם שמם לזכרון בספר״, נאָר ברענגט נאָך אויך דעם רמ״א יו״ד סי׳ רכ״ט סי״ג. ער פירט נאָך אויס, אַז פרענומערירן אַ ספר איז דאָס זעלביקע ווי שרײַבן אַ ספר־תורה („יבא לחיים״, ח׳ ב׳, וואַיטצען, תרע״ח).

עזרא אַלטשולער אין „תקנת עזרא״ (פּיעטרקוב, תרצ״א) ברענגט אין נאָמען פון הגאון בעל „סמיכה לחיים״ צען מצוות, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט העלפן אַרויסגעבן אַ ספר.

אין „צאן קדשים״ פון חיים שור (וואַרשע, תרל״ח) זאָגט זיך: „איתא במדרש רות לשעבר הי׳ אדם עושה מצוה והנביא כותבה ועכשיו כשאדם עושה מצוה אליהו כותבה והקב״ה ומלך המשיח חותם על ידיהם, ואחרי רואי גודל ענין כתיבת המצוה אמרתי אזכור גם אנכי לטוב כל אשר סייעו אותי״...

אין „שלחן של ארבע״ לרבנו בחיי (וראַנוב, תרצ״ט) גיט צו דער מפרש וועגן די מתנדבים וחותמים: „איתא בסה״ק „דברי יחזקאל״ בפ׳ חקת לפרש הפסוק „באר חפרוה שרים, כרוה נדיבי עם במחוקק במשענותם״ וזל״ק: באר — הוא התורה שנקרא באר מים חיים. חפרוה שרים — הת״ח שנקראו שרים. כרוה נדיבי עם — קנו אותם נדיבי לב שבישראל... וע״י שהם תמכי אורייתא קנו את התורה במחוקק, אלו הת״ח חוקקי אורייתא, במשענותם — אלו התמכי אורייתא, רצ״ל — בין המחוקק ובין משענותם יש להם חלק שוה״.

אַ מאָל האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן דער פּשוטער מצווה פון צדקה — אַרויסהעלפן אַ געפאַלענעם תלמיד־חכם, זײַן אלמנה, אָדער אַנדערע בני־בית זײַנע. ווי אַ משל פאַר דעם קען דינען דער „מכתב תעודה״ פון בריסקער גאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק: „הרב המאוה״ג המפורסם בתורתו ויראתו ר׳ אליקום געציל זצ״ל הניח אחריו אשה ושתי בנות בלי שום משען ומשענה ומלבד שהבנות גדולות וראוין להנשא עוד אין להן אף לחם יומם ואובדים [ות] בענים [ן] ואין להם [ן] דרך אחרת כי אם להוציא לאור כתבי־יד אביהם [ן] זצ״ל המלאים תורה ויראה ומוסר וחזקה על גברא רבא דכוותי׳... ולמטרה זו נוסעת אשתו אלמנתו הנוכחית מרת שיינא ת׳ לקבץ פרענומעראַנטין בתקותה כי ירבו הקונים להביא ברכה לתוך ביתם [ן]״ („דבר תורה״, אליקום געציל לעוויטאַן. וואַרשע, תרע״ג).

נאָך אַזעלכע און ענלעכע „עליות״ אין די ספרים איז ניט קיין וואונדער, הלמאַי אַ גרויסער טייל רבנישע מחברים האָבן אַזוי מצליח געווען מיט זייערע פרענומעראַנטן.

* * *

דאָס קלײַבן חותמים אויף ספרים איז געווען אַ שווערע און אויסמאַטערנדיקע מלאכה. מען האָט פאַרלאָזן די היים אויף וואָכן, חדשים און אַ מאָל נאָך מערער און זיך געוואַלגערט אין פרעמדע הײַזער, ניט זעלטן אויך אין הקדשן.

פון אַ מין באַריכט וועגן קלײַבן פרענומעראַנטן קען מען זען, ווי שווער די דאָזיקע מלאכה איז געווען. אין דער הקדמה צו זײַן ספר „מוסדות תבל״ (ווין, 1820) דערציילט דער מחבר, דוד בן מאיר הכהן מפריזנהויזן: „ואני אלך למסעי לקבץ חתומים על ספרי זה עד אשר תשיג ידי די צורך הדפוס... ובזה הרחקתי נדוד בחודש תמוז תקע״ו... מקום שבתי בעיר מאקווא כל ימות החורף... עד בואי לביתי לקצה השנה... ויהי בראותי כי קצרה ידי מלהגיע למלאכת הדפוס... פניתי לדרכי עוד ובאתי לעיר פעסט בסוף ימי חנוכה שנת תקע״ח, ת״ל, וישבתי שם עד ר״ח אדר הראשון... וקבצתי גם שם חתומים... וסבבתי ובאתי לעיר

אייזנשטאט בר״ח אייר וישבתי שם שנה תמימה״... — און אַזוי ווי דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק געווען, האָט ער באַשלאָסן „כי טוב הוא לעבור בימי הקיץ דרך מדינת מעהרן לקבוץ גם שם חתומים״. דאָס איז עפּעס אַ מעשה פון אַ צוויי־דריי יאָר!

נו, ניט אַ סך מחברים האָבן געהאַט אַזוי פיל געדולד און כוחות, אָבער אין דורכשניט האָט אַ מחבר, וואָס האָט געוואָלט האָבן אַ קענטיקע צאָל חותמים, געמוזט אָפּגעבן אויף דעם מינימום אַ האַלב יאָר. אַזוי זאָגט אונדז אויך דער זון פון מחבר פון „שני עפרים״ (פּראָג, 1825), צ״ה ברודא: „לבצע את מעשי להדפיס גם ספר שני עפרים... הרחקתי נדוד מביתי יותר מחצי שנה״.

די אַלע גילגולים און טילטולים בײַם קלײַבן חותמים האָבן אָבער ניט אָפּגעשראָקן דעם גרעסטן טייל מחברים, און דער בעל „בוחן צדק״, יוסף פּערל, שרײַבט אין 1838: „מי ראה כעת ספר בלי הקדמה, בלי הסכמה, בלי רשימות האנשים אשר באו על החתום לקבל את הספר״.

פונדעסטוועגן זײַנען געווען סענסיטיווע מחברים, וואָס זײַנען צוליב דעם אָדער יענעם טעם ניט געגאַנגען אויפן דרך פון פּרענומעראַנטן.

קלאָר וועגן דעם זאָגט זיך אַרויס הגאון ר׳ יצחק יעקב ריינעס אין זיין „שערי אורה״ (ווילנע, תרמ״ו, ע׳ כ״ט), אַז ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען די עצה פון קלײַבן חותמים „יען כי אסיפת החתומים על ספר דתיי היא מלאכה שאינה נעשית לא ע״י מלאך ולא ע״י שליח רק ע״י המחבר בעצמו, ומששתי כל כוחותי ורגשותי ומצאתי, כי לא נוצרתי לזה ולא חוננתי בהכשרונות (או החסרונות) הדרושות לזה, וע״כ — לבד אשר משרתי לא תתנני לנוד מביתי... בל אוכל להשפיל כבודי וכבוד הספרות לנוע מעיר לעיר ולדפוק על פתחי נדיבים שרבים מהם לא ידעו ספר ומה גם ספר מהספרות התלמודית אשר דעת דרכיו לא יחפוצון והמחבר בעיניהם כעני המסבב ללקט אגורות״.

דער חפץ חיים, וואָס זײַן „משנה ברורה״ האָט פּרענומעראַנטן, האָט געגעבן אַ מאָטיוו, פאַר וואָס מען דאַרף זײַן נזהר בײַם פאַרעפנטלעכן רשימות פון חותמים. ער האָט געזאָגט, אַז ניט ווילנדיק „תתמשך ההדפסה מעת קבלת הכסף־קדימה עד שתצא לאור ערך שנה, ועפ״י רוב בין אלפים אנשים הלא ימצאון גם נפטרים, ומאין אדע את היורש האמתי, אשר אדע כי בו קיימתי מצות השבה, נמצא כי אוכל להכשל ח״ו בספק גזל״ („תשואות חן״, ח״ב, יהושע טשערווינסקי. ירושלים, תרפ״ז, ע׳ צ״ה).

מיט אַ ביסל אַ האַמעטנערן לשון וועגן זעלביקן ענין שרײַבט שלום איזראַעלסאָן: „יש תחת ידי חד״ת עוד הרבה... אבל קצרה ידי מעשות זאת, כי לאסוף פּרענומעראַנטען קודם ההדפסה על אשת אחיו שלא היה בעולמו... אין נפשי סובלת לזה, כי למה לי לגרום לאחרים שיחשדוני כי לוקח אני מהם כסף על דבר שלא בא ולא יבא לעולם״ („דרך שלום״. סט. לואיס, תרפ״ו).

בדרך כלל האָט מען ניט געדאַרפט האָבן קיין ספּעציעלע דערלויבעניש פון רב אָדער די ראשי העיר צו קלײַבן חותמים אויף אַ ספר. אָבער די גאָר גרויסע יידישע קהילות פלעגן אַ מאָל יאָ באַשטיין אויף קריגן אַזאַ דערלויבעניש. אַזוי, למשל, געפינען מיר אין „היד החזקה״ פון יהודא ליב בר״מ קאַלישער (ברעסלויא, תק״פ) אַזאַ „מכתב מכבוד אלופים... קהל ווארשויא הבירה. הן הקריב פה קהלתינו כבוד הרבני... ובידו מחברת אמרים מכבוד אביו... היד החזקה... ולזאת למען מלאות מבוקשת הרב המחבר אשר נפשו אותה להוציא לאור דבריו... הננו נותנים לבן הרב המחבר רשיון לקבל חתימות מאת נכבדי עירינו... אלה דברי הכותב בפקודת כבוד הרבנים, אלופי גבאים דחבורות קדושות דפה ובצרוף ורשיון כל אלופי קציני הקהל, חתום״...

אַזאַ „רשיון״ האָט אויף יעדער פאַל צוגעגעבן פּרעסטיזש דעם מחבר און אים פאַר־לײַכטערט צו קריגן מער חותמים.

אין אַ ספר, וואָס איז אַרויס אין דײַטשלאַנד אין 1848, דערציילט דער מחבר, יוסף כספי, אַז ער האָט געקראָגן פון קעניג „רשיונו לאסוף פּרענומעראַנטען״ („עמודי כסף ומשכיות כסף״. פ״פ דמיין, תר״ח). צי אַזאַ דערלויבעניש איז געווען דאָרטן אָבליגאַטאָריש אָדער ניט, געהאָלפן האָט עס זיכער צו קריגן מער פּרענומעראַנטן.

הקדמה

אַנדערע מחברים האָבן זיך לײַכטער געמאַכט די עובדה פון קלײַבן פּרענומעראַנטן: זיי האָבן דאָס דורכגעפירט דורך באַקאַנטע אָדער קרובים אין װײַטערע מקומות. געװען אויך אַזעלכע, װאָס האָבן געהאַט אַ סאָרט אַגענטן, װאָס זיי האָבן זיי געצאָלט אַ באַשטימטן פּראָצענט פאַר דער אַרבעט. די צאָל פון אָט די אַלע בעלי־טובות, באַצאָלטע און ניט־באַצאָלטע, איז ניט קיין גרויסע און נאָך קלענער זײַנען זייערע אויפטוען.

װען מען רעדט װעגן דער פאַרשפּרייטקייט פון פּרענומערירטע ספרים, איז כדאי אַ קוק צו טאָן, װעלכע מחברים האָבן זיך מער אויסגעטויגט אויפן דאָזיקן געביט. און דער ענטפער איז זייער אינטערעסאַנט. אויף דער נידעריקסטער מדרגה שטייען מחברים ליטװאַקעס. די צאָל ספרים מיט חותמים פון מחברים פון דאָזיקן מזרח־אייראָפּעאישן שבט איז זייער אַ קליינע, נאָך אַ סך קלענער איז די צאָל פון זייערע פּרענומעראַנטן און שטעט. ניט אַן ערך אויפטועריש׳ער זײַנען גאַליציאַנישע מחברים און די אונגאַרישע מחברים שטײַגן זיי נאָך אָפּט אַריבער, באַזונדערס מיט דער צאָל חותמים און שטעט.

* * *

דאָס רוב רשימות פון פּרענומעראַנטן פלעגן געדרוקט װערן אָן הקדמות, אָבער אַ צאָל פון זיי פלעגן באַגלייט װערן מיט קלענערע אַרײַנפיר־װערטער. װעגן די הקדמות, װאו ס׳איז אונטערגעשטראָכן געװאָרן די מצוה פון פּרענומערירן אַ ספר, האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט; װײַטער װילן מיר ברענגען אַ משל פון סתם הקדמות צו די פּרענומעראַנטן־רשימות, פון דעם סדר פון די נעמען, פון די טיטלען וכדומה.

די מחברים האָבן זיך שטאַרק געהיט ניט אָנצורירן דעם כבוד פון חותמים דורך שטעלן זייער נאָמען ניט אויפן געהעריקן אָרט — פיל פון זיי האָבן דעריבער געניצט דעם אַלפאַבעטישן סדר, אָבער װײַט ניט אַלע. איין עיקר האָבן כמעט אַלע מחברים אָפּגעהיט: דעם רב, אַן אדמו״ר אָדער סתם אַ גדול פלעגן זיי געבן בראש פון יעדער רשימה אין שטאָט אָדער שטעטל.

איין מחבר זאָגט אין זײַן הקדמה צו דער פּרענומעראַנטן־רשימה אַזוי: „החתומים והערים יבואו בא״ב וכל אות מסודרת לפי האותיות שאחריה א״ב, א״ג וכו׳ וכיוצא, ורבני העיר בראש החתומים ויתוארו הרב אב״ד או מו״צ. והמשכילים יבינו כי לא אוכל הכניס עצמי בחקירת התוארים מהפסד הזמן וחשש מכשול“. (אברהם ביק, אהל מועד, ח׳ ד׳. פּרעסבורג, תר״ן.)

אַן אַנדער מחבר שרײַבט: „אלה שמות האנשים האפרתים אשר נזדמנו לפה ובאו על החתום... ואם לפרט כ״א לפי גדולתו ותפארתו תקצר היריעה כי מהם רבנים מופלגים גם חריפים ובקיאים ומשלשלת היוחסין... וראיתי לסדר לפ״מ [לפי מקומם] שבאו עה״ח, לכן אין לדקדק על המוקדם ומאוחר, והש״י יאיר אורם כשחר“. (אברהם אליעזר ליזר, אבני קודש, װאַרשע, תקע״ט.)

אין אַן אַנדער הקדמה זאָגט זיך: „לבי לחוקקי ישראל המתנדבים בעם הלא המה הרבנים המפורסמים השרים הנגידים והנדיבים ובעלי בתים... יתן ה׳ לאיש ואיש כפי ברכתו ואל ירע בעיניהם כי לא סדרתים כפי ערך מעלתיהם ולא באתי לפרט גדולתם... וסידרתים כפי אשר נמצאו בפנקס חתימתם ובכדי שלא לפגום בכבוד שום אחד מהחתומים חתמתי על כל א׳ וא׳ מהור״ר במהור״ר“. (אין סידור „שער הרחמים“ פון פנחס במ׳ יהודא, שקלאָװ, תקמ״ח.)

אין „דברי משה“ (לעמבערג, תרמ״ז) שרײַבט זײַן מחבר משה שהם ענלעכע װערטער, נאָר קלאָרער אויסגעדריקט: „...ויען כי אין בידי פלס ומאזני משפט לפלס ולערוך יקרת איש ואיש עפ״י מעלותיו ומדותיו, לזאת אבקשה מאת כבודם בל ישומו אשם בי אם יפקד מקומם ותוארם הראוי לתת להם כי לא המקום מכבד את האדם וכו׳... וסדרתי ערי מושבותם ומחוזותם וגלילותם מאות ראשון מהשם, ושמות החתומים סדרתי את מי שנתן ראשון ראשון ואחרון אחרון ובלי שום תואר כלל זולת להרבנים גאונים וצדיקי הדור שליט״א...“.

אַ יוצא מן הכלל פון די אַלע הקדמות צו די פּרענומעראַנטן־רשימות איז אַ קאַראַקטעריסטישער חיבור, װאו דער מחבר שטעלט אײַן און לאָזט זיך אויפן געפערלעכן װעג, אַז „בכל אות יכתב שם הקונה כפי סדר מעלתו ולא כפי סדר אותיות שמו“. (יוסף סאַפּאַק, גרש ירחים. אָדיססאַ, תרל״א.)

אַנדערע מחברים פלעגן בכלל זיך צעגיסן מיט מליצהדיקע שבחים פאַר די פּרענומעראַנטן, אַ מאָל אַפילו אין געגראַמטע שורות. װײַטער װערן געבראַכט צװיי בײַשפּילן פון ערשטן סאָרט און צװיי פון צװייטן מין.

הקדמה

אין אַרויסגעבער פון „ספר יראים" (זאלקווא, תקס"ד) זאָגט אַזוי: „הא לכם זרע קודש, נטע שעשועים, ברוכי ה', שרים ונכבדי ארץ, טובי לב נדיבי רוח, שועים נכבדים ויקרים אשר נדב לבם אותם והזילו זהב מכיסם... ומדי עלותי זכרונם עלי לבי לא ימוש תודתם מפי, מאז אמרתי אבוא במגלת ספר להעלות שמם על ראשו, להיות להם למזכרת, לשם ולתפארת, שם עולם אשר לא יכרת...".

דוד טעבל יפה, אין זיין „ילקוט דוד" (קראקא, תרנ"ו), שרייבט אַזוי: „מפותחות פתוחי חוסים בצל החכמה, בצל הכסף, איש על שמו יוחקו בספר החיים, עץ חיים היא למחזיקים בה, תומכיה מאושרים תמכין דאורייתא, הלא המה אסיפת אנשי חסד נדיבי עם אלקי אברהם אשר תמכו ידי הרפה במשענתם כסף קדומה, למען אוכל לבצע מעשה מחברתי, טובי עין יתברכו ממעון הברכות, שפע ישועות ברכות והצלחות ויזכו לראות ישועת ד' המקבץ צאן נדחות...".

דער „מאסף החתומים" פון „ספר רבינו בחיי" (וואַרשע, תרי"ב) גיט אַזאַ „ליד":

אות אהבה נאמנה בינינו
כי תתפלא מדוע כה אחרת
אכן לא לרצון הוא לשנינו
כי תשאלני מדוע בא מהרת
אבל לא ביד האדם עתותיו
למלאות אמרי פיהו כרצונו,
כי מש־די נמנו לו ימיו ושנותיו
וסוף כל מעשה ועמל אך רצון קונו".

צום סוף פון עמוד ווערט נאָך צוגעגעבן:

„בטח תשיגו אי"ה בזמן לא כביר
כל הכרכים לאחרונה,
היום תשמעו בקולי ליתן
על ידי הכסף לראשונה".

אַ פּרענומעראַנטן־„ליד" איז דאָ אויך אין „מהר"ם סופר" (טאַרנאָ, תרפ"ח):

„מה יקרו אלה הפקודים,
הנקובים בשמותם פונה קדים,
אשר שקדו ובאו גדודים
ובתורת משה חדים,
להוציא לאור אגדה וחדושי תורה צמידים,
אהובים ברורים וחדודים,
ששים ושמחים לשמוע בלמודים".

* * *

„פּרענומעראַנטן" איז ניט קיין ריין־יידיש וואָרט — עס איז גענומען פון די קריסטלעכע ביכער, וואָס זייערע פאַרפאַסערס האָבן זיך אויך באַניצט מיטן דאָזיקן מיטל, אָבער ביי זיי איז עס קיין מאָל ניט געוואָרן אַזאַ פאַרשפּרייטער מנהג, ווי ביי יידן.

„פּרענומעראַנטן" איז געווען אַ פרעמד וואָרט און אַ שווער וואָרט ביי אַ סך רבנישע מחברים און דעריבער איז עס אָפט מאָל אויסגעלייגט געוואָרן משונהדיק: פּרימיראַנטין, פּריגימ־ראַנטין, פּרומיראַנטין, פּרונימראַנטין, פּרומינאַנטן וכדומה.

טייל מחברים האָבן געניצט דאָס וואָרט „חותמים", „חתומים" אָדער „המתנדבים בעם". געציילטע האָבן אָנגעהויבן פּשוט: „ואלה שמות", „שמות נתנו מראש" אָדער „תומכי דאורייתא". איין רשימה איז באַקעפּלט מיט: „הטיבה ה' לטובים".

* * *

אויפן סמך פון אַ שטיכפּראָבע פון 1,000 קאַרטלעך — ווייניקער ווי אַ פערציקסטל פון מיין גאַנצן מאַטעריאַל אין דאָזיקן חיבור — איז די צאָל פון מיינע צונויפגעקליבענע פּרענומע־ראַנטן אַרום 350 טויזנט. די דאָזיקע צאָל איז אָבער אַ סך אַ גרעסערע צוליב די וויטערדיקע טעמים.

הקדמה

ערשטנס, אין בראשית פון מײַן דאָזיקער אַרבעט האָב איך ניט אַרײַנגערעכנט פּרענומע־ראַנטן אָן פאַמיליע־נעמען. ערשט אַ צײַט שפּעטער האָב איך זיי געגומען צורעכענען.

צווייטנס, תחילת האָב איך אויך ניט צוגערעכנט די באַזונדערע רשימות פון רבנים, בעיקר בעלי־הסכמות, וואָס האָבן צוגעזאָגט בל״נ צו קויפן אַ ספר.

דריטנס, יחידים אָדער חברות, וואָס האָבן זיך פּרענומערירט אויף מערערע עקזעמפּלאַרן, זײַנען בײַ מיר פאַררעכנט ווי איין איינס.

פירטנס, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: מחברים האָבן ניט אַלע מאָל געגעבן די רשימות פון זייערע פּרענומעראַנטן אָדער זיי האָבן ניט געגעבן די נעמען פון אַלע חותמים זייערע. געווען מחברים, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די חותמים אין ווײַטערדיקע חלקים — אָבער די חלקים זײַנען שפּעטער ניט אַרויס. די הויפּט־סיבה, וואָס מחברים האָבן אָנגעגעבן פאַר ניט אָפּדרוקן נעמען, איז געווען — עקאָנאָמיע. מען קען אָבער דערצו אויך צוגעבן: אָפּגעלאָזנקייט.

ווי אַ משל זאָלן דאָ געבראַכט ווערן עטלעכע מחברישע תירוצים.

אין זײַן „הר הכרמל״ (פּראַג, תקע״ב) שרײַבט משה קרומנו, אַז „...למעוטי בהוצאה עדיף. ועבור זה גם לא נתתי לדפוס אותן החתומים... דק״ק אובן ישן וק״ק פעסט...״.

אין „אורח לחיים״ (ווילנע, תרל״ט) שרײַבט זײַן מחבר, חיים סג״ל: „ובני עדתי לא באו עה״ת כי יקחו רובם ככולם״.

דער מחבר פון „שאגת זאב״ (פּאַקש, תרס״ט) האָט אַ טייל פון זײַנע חותמים בכלל געגעבן אַנגראָ: „...אנשי ק״ק ראַטאַשניע, גידע, שיליע, מאגיירא והרבה אנשים מגליל סאסרעגען״.

אין „המאסף״ פון יוסף אריה טרעצעק (וואַרשא, תר״ם) זאָגט דער אַרויסגעבער: „ומפני רוב הוצאות הדפוס לא יכולתי לפרטם בשמותם״.

אין „אוצר החיים״ (פּראַג, 1833) פון זרח קדיש און אין „קרן יהושע״ (פּיעטרקוב, תרס״ו) פון יהושע עפּשטיין ווערט אָנגעגעבן ווי אַ סיבה דאָס ניט קענען איבערלייענען די חתימות פון די פּרענומעראַנטן.

ווען די אָנגעגעבענע פיר טעמים וואָלטן אָפּגעפאַלן, וואָלט די צאָל פּרענומעראַנטן אין מײַן חיבור אפשר דערגרייכט אַ האַלבן מיליאָן.

* * *

דער גרעסטער מכשול אין דאָזיקן חיבור איז געווען: דאָס אידענטיפיצירן דעם עקזאַקטן נאָמען פון אַן אָרט, סײַ זײַן יידישן, סײַ זײַן אָפיציעלן נאָמען. בײַ גאָר באַקאַנטע ערטער איז, פאַרשטייט זיך, אַזאַ פּראָבלעם ניט געווען. וואָס קלענער דער אָרט, אַלץ גרעסער דער מכשול.

די סיבה פון דעם איז אַ דרײַאיקע: 1. די נעמען פון די מקומות זײַנען ס׳רוב אָן נקודות און בײַם אָנדערשן איין פּינטל אָנדערשט זיך דער אָרט; 2. די מחברים און ניט זעלטן די זעצערס האָבן פאַרדרייט די נעמען; 3. בײַ גלײַכנעמענדיקע ערטער איז זייער זעלטן אָנגעגעבן זייער געאָגראַפישער מצב: לאַנד, ראַיאָן וכדומה; 4. דער יידישער נאָמען איז אָפּט אַנדערש ווי זײַן אָפיציעלער נאָמען.

אַ באַזונדערס שאַרפע און ספּעציפישע פּראָבלעם זײַנען געווען די נעמען פון מקומות אין אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און רומעניע, וואָס צוליב דעם מערמאָליקן בײַט אין זייער פּאָליטיש־טעריטאָריעלער סאָווערעניטעט האָבן זיי אַ סך ערטער מיט צוויי אָדער דרײַ נעמען.

וועגן דער פּראָבלעם פון אידענטיפיצירן געאָגראַפישע נעמען אין ספרים מיט זייערע אָפיציעלע נעמען האָט זיך בשעתו שוין אָפּגעשטעלט ד״ר בערנאַרד וואַכשטיין. שוין מיט פערציק יאָר צוריק, נאָך פאַר דער גרויסער פּאָליטיש־געאָגראַפישער וואַקכאַנאַליע אין דער נאָכמלחמה־דיקער אייראָפּע, האָט ער געשריבן וועגן “Die Schwierigkeit, die Entsprechungen für die Ortsnamen in hebräischer Schreibung auszufinden . . . Für einen und denselben Ort sind manchmal verschiedene Bezeichnungen, manchmal auch lautliche Abwandlungen derselben Bezeichnung zu finden. Dies hat teils seinen Grund in den verschiedenen Zeiten, aus denen die Namen stammen, die somit die veränderten sprachlichen und politischen

Zustände wiederspiegeln, teils in der Beibehaltung archaiistischer Formen, die wieder im einheitlichen autoritativen Charakter des jüdischen Schrifttums motiviert ist. Aber auch andere Momente beeinflussen die Schreibung, so die sprachliche Verschiedenheit in einem Raume, wo zwei oder mehrere Nationen zusammen leben."*

אין אַ ביסל אַ קלענערער מאָס קענען וואַכשטיינס ווערטער וועגן העברעאישע נעמען פון ערטער חל זײַן אויך אויף אָרטנעמען אין יידיש. אין אונדזער פאַל איז דאָס נאָך אַלץ באַשווערט געוואָרן דורך דעם געאָגראַפיש־שפּראַכלעכן מרחק צווישן דעם מחבר פון דאָזיקן חיבור און יענע מקומות און ניט ווייניקער דורך די אַז אַ שיעור סימנים איבער און אונטער די אותיות — באַזונדערס אין אונגאַרן — וואָס אין די יידישע נעמען פון די ערטער האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט איבערגעגעבן ווערן. (דאָס אַרויפשטעלן צוויי פּינטלעך אויף אַן א׳ ווי אַן עקוויוואַלענט פאַר אַן ö איז זייער ווייניק געניצט געוואָרן.)

מען קען זיך דאָ ניט פאַרנעמען באריכות מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען — מען דאַרף אויף דעם אַ באַזונדער חיבור, אָבער עטלעכע ביישפּילן זאָלן דאָ געבראַכט ווערן לשם אילוסטראַציע.

1. מכשולים צוליב אָנבקודהדיקע נעמען:

קאָליש און קאַליש (קאַלוש) — די ערשטע אין לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט, די צווייטע — אין סטאַניסלער וו׳; קאַראַד און קאָראַד — צוויי אין אונגאַרן און איינע אין רומעניע; אין רומעניע און אונגאַרן זיינען דאָ: אַדאַני, אָדאָני, אַדאַני; אין אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע: באַטשקאַ, באַטשקאַ, באָטשקאָ; טאָרנאַ, טאַרנאַ, טאָרנע, וכדומה.

2. מכשולים צוליב גלײַכנאָמענדיקייט:

אין לובלינער וו׳ זיינען דאָ צוויי גרעסערע קהילות מיט איין נאָמען: יאָזעפאָוו, אויסער עטלעכע קליינע; ביסטרא און ביסטריץ זײַנען דאָ עטלעכע אין די סלאַווישע לענדער; אין לעמבערגער וו׳ איז דאָ אַ גרויסע קהילה ליסקא (לינסק) און אויך אין אונגאַרן; אין קעלצער וו׳ איז דאָ מאַליניץ (מאַלעניץ) און אויך אין טשעכאָסל׳; מאָסט — דרײַ אין פּוילן, איינע אין טשעכאָסל׳; מאָסטי אין ביאַליסטאָקער וו׳ און אין טשעכאָסל׳; בעמיראָוו אין אוקראַאינע און אויך אין לעמבערגער וו׳; קאַלוואַריע איז דאָ אין פּוילן, ליטע, טשעכאָסל׳ און אונגאַרן; די גאַליצישע קאָלבישעוו לייגט זיך אָפּט אויס ווי די סלאָוואַקישע קאָלבאַסאָוו; מעזריטשעס זײַנען דאָ פינף־זעקס און נײַשטאָט־עיר־חדש, וואָלע, וכדומה זײַנען פּשוט אַ לאַבירינט.

3. אַ ספּעציעלע פּראָבלעם זיינען ראשי־תיבותדיקע נעמען פון ערטער, ווי:

א״ש (אײַזענשטאַט, קען אויך זײַן: אַלטשטאָט), ל״ב (לאַקענבאַך, קען אויך זײַן: לודנבורג), ל״ש (ליכטנשטאַט), מג״ד (מאָגנדאָרף), מז״ק (מעזריטש קטן), מט״ד (מאַטערסדאָרף), שטוהל וו״ב (שטולווײַסנבורג) א״אַ. אָבער ווי דעשיפרירט מען טפ״מ, באג״ה (באגדאנהאַז?) אָדער ב״י? אויף איין אָרט איז געווען צוגעגעבן: תמס״ה. דורך אַ מזלדיקן אײַנפאַל האָב איך עס אויפגעקלערט: תחנת מסילת הברזל.

די גרעסטע קאָפּ־דרייעניש האָבן פאַרשאַפט די פאַרקירצטע אונגאַרישע אָרטנעמען. אַ סך אונגאַרישע געאָגראַפישע נעמען זײַנען אומגעווײנלעך לאַנג (נעמען אַרײַן געגנט, טײַך וכדומה) און די יידישע מחברים האָבן זיי גאָר אָפט מקצר געווען מיט איניציאַלן בראש פון נאָמען, וואָס מען האָט פּונקט אַזוי געקענט עס צושטעלן צו אַנדערע ערטער. הונדערטער האָבן מיר דעשיפרירט, אַ סך — ניט. עס האָט דאָ ניט געהאָלפן אויך די הילף פון יודעי־אונגאַרן. עס האָט ניט קיין זין דאָ צו ברענגען בײַשפּילן — כמעט יעדער אות אין דעם אלף־בית פון אונדזער חיבור איז אַן אילוסטראַציע פאַר דעם.

ווי אַ קלאַסישער משל פאַר זעצערישע פאַרדרייענישן פון נעמען, זאָל דאָ געבראַכט ווערן דער ווײַטערדיקער פאַל: אין איין פרענומעראַנטן־רשימה איז דער נאָמען פון אַ שטאָט: „יעטערקאָוו טריב״. איך האָב מיר צעבראָכן דעם קאָפּ, אַרומזוכנדיק די שטאָט אין געאָגראַפישע לעקסיקאָנען און אַטלאַסן, ביז איין מאָל בין איך געפאַלן אויפן איינפאַכן אײַנפאַל, אַז דאָס איז... פּעטריקאָוו טריבונאַלסק.

* Geographisches Register zu "Katalog der Salo Cohn'schen Schenkungen," Wien 1911, 1914, von Bernhard Wachstein. Wien, 1914.

הקדמה

גאָר אַ שווערער טייל פון אידענטיפיצירן דעם אָרט איז געווען זײַן אָפיציעלער נאָמען. אין וועלכע גאַזעטירן אָדער אַטלאַסן קען מען געפינען חצי עמור, בחצי סראיי, שדה לבן, שדה חדש, כפא, חורזיאל, אַשפיצין, עיר יוסף וכדומה? (אין טעקסט פון חיבור זײַנען זיי אויפגעקלערט.)

און דאָ גייט ניט נאָר אין דער העברעאיזאַציע פון די נעמען פון יידישע ישובים אין אייראָפּע, לייען: מזרח־אייראָפּע. אַפילו רייגע גויאישקע נעמען פון שטעט, וואָס יידן אַליין האָבן זיי געניצט, זײַנען דאָך אויסגעפשטלט געוואָרן דורך זיי ווי העברעאישע: ווילנא — ווילון־נאה, אוסטרא — אות־תורה, הוראדנא — הר־אדני, יאַרעסלאוו — יראת־לב, פרעמישלא — פרי־אמת־לה, פוזנא — פז־נאה.

די העברעאיזאַציע פון די יידיש־געאָגראַפישע נעמען אין מזרח־אייראָפּע איז בלויז אַ נישטיקער טייל פון זייער יידישיזאַציע. דאָס יידישע פאָלקס־לשון האָט פאַקטיש געשאַפן אַ אייגענע יידישע געאָגראַפיע אין אייראָפּע.

אויף דער יידישער געאָגראַפישער קאַרטע פון אייראָפּע האָבן גאָרניט עקסיסטירט אַזעלכע שטעט ווי אינדורא, אָסטראָג, אָפּאַטאָוו, גראָדעק, טשאַרני דונײַעץ, רזשעזשאָוו, סטאַרי סאַמבאָר, סטאַרי סאַנץ, נאָווי סאַנץ, נאָווע מיאַסטאָ, משינאָוו און נאָך אַן אַ שיעור, וואָס זייערע יידישע נעמען געפינען זיך אין דאָזיקן חיבור.

כדי אויסצומײַדן די מעגלעכע טעותן אין אידענטיפיצירן אַ געאָגראַפישן נאָמען, האָבן מיר געגעבן זײַנע פאַרשיידענע וואַריאַציעס, אויף וויפל מיר האָבן זיי אָנגעטראָפן אין אונדזערע באַניצטע ספרים. דאָס קען פאַרלײַכטערן יודעי־דבר פון אַ געגנט גיכער צו כאַפּן אונדזערס אַ טעות. דאָס האָט אויך אַ צווייטן ציל: צושטעלן וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר די יעניקע, וואָס פאָרשן די יידישע טאָפּאָנימיק אין אייראָפּע. דערבײַ דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אַ מאָל קענען וואַריאַציעס זײַן פשוטע פאַרגרײַזקייטן פון מחבר אָדער זעצער.

ווען מיר ריידן וועגן אַ „יידישער געאָגראַפיע", דאַרף מען אונטערשטרײַכן דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן און באַטײַטיקן מאָמענט, אַז וואָס מער ישובים זײַנען געווען יידיש פאַרוואָרצלט און וואָס מער לעבעדיק ס'איז געווען זייער פאָלק־לשון, אַלץ פאַריידישטער זײַנען געווען זייערע נעמען — אַחוץ אין פאַלן, ווען יידן האָבן ניט געפילט קיין ספּעציעלע בויטווענדיקייט אין דעם. דעריבער זעען מיר, אַז אין מזרח־אייראָפּע איז די צאָל פאַריידישטע — אין גאַנצן אָדער דורך פאַרשיידענע שינויים — נעמען פון יידישע שטעט און שטעטלעך זייער אַ גרויסע, אין צענטראַל־אייראָפּע אָן אַ פאַרגלײַך קלענער און אין מערב־אייראָפּע — כמעט גלײַך צו נול. אין די יעניקע לענדער, וואו דאָס יידישע פאָלק־לשון איז אויסגעטריקנט געוואָרן און יידישער שטייגער־לעבן איז פאַרדאַרט געוואָרן — זײַנען אויך אויסגעטריקנט געוואָרן די יידיש־געאָגראַפישע נעמען, אַזוי ווי דאָס איז ס'רוב געשען אויך צו זייערע פערזענלעכע נעמען. אַ פרענומעראַנטן־רשימה אין דײַטש איז זיכער קאָרעקטער און פּינקטלעכער ווי, לאָמיר זאָגן, אַ גאַליציאַנישע, ווײַל אַלץ איז איבערגענומען פון דער פרעמדער, פון דעם מערהײַטספאָלק. טאַקע דעריבער קען מען טרעפן, אַז אין אַ יידיש־דײַטשער רשימה פון פרענומעראַנטן זאָל מען פאַרצייכענען דעם Schumachermeister אָדער דעם Inhaber einer Pferdehaarzubereitungsfabrik, אָבער מען קען ניט געפינען אַזעלכע „טיטלען" אין אַ פוילישער אָדער ליטווישער חותמים־רשימה.

* * *

דער דאָזיקער חיבור איז אַ פיאָנערישע אַרבעט, סײַ אין העברעאיש און יידיש, סײַ אין אַנדערע שפּראַכן. וועגן אַ פּרואוו פון אַזאַ חיבור ווערט איבערגעגעבן אין „קרית ספר" (ירושלים, כרך 8, ע' 144). דאָרטן ווערט פאַרצייכנט: „ספר הפרנומרנטים... שהתחיל... יצחק אייזיק בן יעקב בשם „קרית ספר לחכמת ישראל". קיין פרטים וועגן דעם האָבן מיר ניט געקענט דערגיין, אָבער, משמעות, אַז דאָס איז געבליבן בבחינת פרואוו.

אַפילו וועגן יידישע פרענומעראַנטן בכלל איז ניטאָ קיין איינציקע גרעסערע אַרבעט. שטיקלעך און ברעקלעך געפינען זיך בײַ ישראל צינבערגן אין זײַן „געשיכטע פון ליטעראַטור בײַ יידן"; בײַ ש. אסף אין זײַן „באהלי יעקב"; אין רפאל מאַהלערס „החסידות וההשכלה בגאליציה ובפולין הקונגרסאית במחצית הראשונה של המאה התשע־עשרה", מרחביה, 1961;

הקדמה

בײַ יעקב שאַצקי אין זײַן „יידן אין וואַרשע"; אין נחום שטיפּס אַ קורצן אַרטיקל אין „יידישע פילאָלאָגיע", ב׳ 1, ניו־יאָרק; אין "Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden und der jüdischen Gemeinden in den Posener Landen" von Dr. A. Heppner und I. Herzberg. Breslau, 1909-1929; און אין בערנאַרד ברילינגס אַרטיקל Israel Eibenschuetz as collector of Subscriptions (Studies in Bibliography and Booklore, v. 4, Cincinnati, 1964). און מסתמא זײַנען דאָ נאָך עטלעכע אַרטיקלען וועגן דער טעמע, וואָס מיר האָבן ניט געזען.

*   *   *

אונדזער אַרבעט שטיצט זיך בעיקר אויף די ביכער־זאַמלונגען אין די ביבליאָטעקן פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ייִוואָ, ישיבה־אוניווערסיטעט, יידישן אָפּטייל פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק — אַלע אין ניו־יאָרק. אַ פּלאַן דורכצופירן אַן ענלעכע אַרבעט אין דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, כּדי צו דערגאַנצן דעם מאַטעריאַל אין דאָזיקן חיבור, איז ניט רעאַליזירט געוואָרן צוליב פינאַנציעלע טעמים — אַ תעודת־עניות פאַר יידישע קולטור־פונדאַציעס אין ניו־יאָרק.

מיר האָבן דורכגעקוקט צענדליקער טויזנטער ספרים, און עס וועט זײַן קרוב לאמת די השערה, אַז אַרום 70־75 פּראָצענט פון אַלע ספרים מיט פּרענומעראַנטן געפינען זיך אין דאָזיקן חיבור. מיר וועלן זײַן צופרידן, אויב מיר וועלן קענען ממלא זײַן דעם רעשט אין אַ צווייטן באַנד; ניט נאָר ממלא זײַן, נאָר אויך מתקן צו זײַן: ווײַל אונדזער ברכה איז נאָר על המוגמר, אָבער דערווײַל ניט על המושלם. אויב דאָס וועט זיך אָבער ניט אײַנגעבן — איז „לא עליך המלאכה לגמור".

*   *   *

ד"ר יעקב ראָבינזאָן, דער קאָאָרדינאַטאָר פון די חורבן־פּראָיעקטן פון יד־ושם, האָט אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר מײַן אַרבעט. אים און זײַן אַדמיניסטראַטאָר פון דער חורבן־ביבליאָגראַפיע אין ניו־יאָרק, חיים פינקלשטיין, קומט אַ דאַנק פאַר זייער הילף.

ד"ר מנחם שמעלצער, דעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, קומט אַ יישר־כּוח פאַר זײַן גרויסן אַרויסהעלף אויף פאַרשיידענע אופנים.

ר׳ חיים ליבערמאַן, דער באַוואוסטער העברעאיש־יידישער ביבליאָגראַף, האָט מיר צו־געשטעלט אַ פּאָר צענדליק פּרענומערירטע ספרים פון דער ליובאַוויטשער ביבליאָטעק און דערמיט באַרײַכערט מײַן חיבור.

און אחרון אחרון — מײַן טײַערסטער זון יחזקאל אהרן, וואָס האָט מיר שטאַרק אַרויס־געהאָלפן בײַ דער גאַנצער צוגרייט־אַרבעט פון חיבור. אים קען איך שוין קיין דאַנק ניט זאָגן, ווײַל ער איז פון מיר אַוועקגעריסן געוואָרן ערב אָפּגעבן דעם כתב־יד צום דרוק.

*   *   *

שמואל שולזינגער איז געקומען אַנטקעגן אַלע מײַנע שווערע טעכניש־טיפּאָגראַפישע בקשות און דער זעצער ר׳ יהושע דובראַווסקי האָט געטאָן די מלאכה בחכמה ובאמונה — זיי ביידן מײַן דאַנק.

עטלעכע טעכנישע און אַלגעמיינע הערות

1. אין דאָזיקן חיבור זײַנען אַרײַנגענומען נאָר ביכער, וואָס זײַנען אַרויס אין אייראָפּע און צפון־אַפריקע ביז 1940, אַחוץ קליינע אויסנאַמען. 1939־1940 קען בכלל באַטראַכט ווערן ווי די סוף־תקופה פון דער מאַסן־פּרענומעראַציע אויף יידישע ספרים.

2. פון ביכער אין אַנדערע לענדער ווערן פאַרצייכנט נאָר אַזעלכע, אין וועלכע ס׳זיינען דאָ חותמים פון אייראָפּע אָדער צפון־אַפריקע.

3. אין יידיש איז נאָך ניטאָ קיין סטאַנדאַרדיזירטער און אַלגעמיין־אָנגענומענער קאָדעקס פון ס׳רוב געאָגראַפישע נעמען, ס׳איז דעריבער אָפּט אויסגעקומען צו געבן אַ נאָמען פון אַן

הקדמה

אָרט אויפֿן סמך פֿון דעם מאַטעריאַל אין די פּרענומעראַנטן־רשימות. אין ספק־פֿאַלן פֿון נאָמען האָט אַראָפּגעוואויגן אונדזער באַניצטער מאַטעריאַל. דעריבער, למשל, אויב אין אַרום פֿופֿציק ספרים ווערט נאָר איין אָדער צוויי מאָל געניצט דער נאָמען ברעסלע — לאָזן מיר דער שטאָט איר טראַדיציאָנעלן נאָמען: ברעסלוי.

אונדזערע מערערע פּרוּוון זיך נאָכצופֿרעגן בײַ מענטשן דעם עקזאַקטן נאָמען פֿון זייער שטעטל אָדער אַרומיקע מקומות פֿון זייער געגנט האָבן גאַנץ אָפֿט ניט געאַרבעט: צוויי אָדער דרײַ מענטשן האָבן ניט זעלטן אָנגערופֿן אָדער אַרויסגערעדט פֿאַרשיידן די נעמען פֿון זייערע מקומות.

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער כּוח פֿון אַ נאָמען שבכתב איז אָפֿט מער שקול ווי אַ נאָמען שבעל־פּה.

אַ ריי שטעט, בעיקר אין אונגאַרן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס זייערע נעמען ענדיקן זיך מיט אַ אָדער — אין אַ קלענערער מאָס — מיט אָ, זײַנען פֿאַריידישט געוואָרן דורך אַ פֿאַרביטענעם ע.

4. די יידישע און אָפֿיציעלע געאָגראַפֿישע נעמען ווערן געגעבן אַזוי, ווי יידן האָבן זיי בשעתּם גערופֿן און ווי זיי ווערן באַצייכנט אין די ספרים — דעריבער: פּעטערבורג און ניט לענינגראַד, קיניגסבערג און ניט קאַלינינגראַד, טילזיט און ניט סאָוועטסק אאַז״וו.

5. אין ניט דײַטש־ריידנדיקע לענדער האָבן מיר אָפֿט איבערגעלאָזן דעם דײַטשישן געאָגראַפֿישן נאָמען, אויב יידן האָבן ס'רוב אים באַנוצט און אויב ער איז דאָמינירנדיק אין אונדזערע ספרים. לכן: קלויזנבורג און ניט קלוזש אָדער קאָלאָזשוואַר, פּרעסבורג און ניט בראַטיסלאַוואַ, גרויסוואַרדיין און ניט אָראַדעאַ מאַרע וכד׳. דאָס איז חל אויך אויף די אָפֿיציעלע נעמען פֿון די ערטער, מיטן אויסנאַם פֿון הויפּטשטעט (פּראַהאַ, וואַרשאַוואַ וכדומה) אָדער אַנדערע גאָר ספּעציעלע פֿאַלן.

5a. קלאָר־פֿאַרדרייטע נעמען זײַנען באַזײַטיקט געוואָרן.

6. די רוסישע נעמען פֿון ערטער ווערן געגעבן לויטן אויסלייג פֿון The Columbia Lippincott Gazetteer of the World, New York, 1952.

7. צפֿון־אַפֿריקאַנער מקומות — אויסער גאָר באַוואוסטע — ווערן געגעבן אין אַ באַזונדערן אַלפֿאַבעטישן סדר.

8. ניט אויפֿגעקלערטע פּרענומעראַנטן־רשימות, וואו קיין ערטער זײַנען בכלל ניט באַצייכנט, ווערן געגעבן אין אַ באַזונדערן אָפּטייל אונטערן קעפּל „יחידים״.

9. אַלע ניט־אויפֿגעקלערטע פֿאַרקירצטע נעמען פֿון ערטער ווערן געגעבן בראש פֿון יעדער אות.

10. יעדער אָרט אין יידיש האָט זײַן פּאַראַלעלן נומער אין לאַטײַנישן אינדעקס, אויב ניט — הייסט עס, אַז זיין אָפֿיציעלער נאָמען איז ניט אידענטיפֿיצירט געוואָרן.

11. אַ שטערנדל נאָכן נאָמען פֿון אָרט — אויב ס'איז ניטאָ קיין הערה אונטן — באַטײַט, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן נאָך ערטער מיט אַזאַ נאָמען אָדער מיר ספֿקן אין זײַן ריכטיקן אויסלייג; אַ פֿרעגצייכן נאָכן נאָמען פֿון אָרט באַטייט: אַ גרעסערער ספֿק אין זיין פּינקטלעכקייט.

12. אַ פֿרעגצייכן נאָך דער צאָל פּרענומעראַנטן באַטײַט אַ לפֿי־ערכדיקער ציפֿער, ווײַל אונדזער פֿאַרשריבענע צאָל איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

13. אין טעקסט ווערט געגעבן נאָר דער נאָמען פֿון ספר. זײַן פֿולע ביבליאָגראַפֿישע באַשרײַבונג — אין „אינדעקס פֿון ספרים״. אין פֿאַל, ווען אין אונדזער חיבור זײַנען פֿאַראַן עטלעכע ספרים מיטן זעלביקן נאָמען, ווערט באַצייכנט די העברעאישע דאַטע פֿון דער אויסגאַבע.

14. דער ציפֿער נאָכן נאָמען פֿון אַ ספר באַטײַט די צאָל חותמים לויט דער רובריק פֿון שטאָט; דער צווייטער ציפֿער נאָך אַ פּלוס — די צאָל יחידים פֿון דער זעלביקער שטאָט, אָבער זייערע נעמען זײַנען געדרוקט אין די רובריקן פֿון אַנדערע שטעט. למשל: וואַרשע, בית אברהם

הקדמה

— 14÷2, באַטײַט: 14 פּרענומעראַנטן אין דער רובריק „וואַרשע“, 2 פּרענומעראַנטן פֿון וואַרשע, וואָס געפֿינען זיך ניט אין אָט דער רובריק, נאָר אין אַ רובריק אָדער רובריקן פֿון אַנדערע שטעט אין זעלביקן ספֿר.

15. אַ ציפֿער אין האַלבע לבֿנות נאָכן נאָמען פֿון אַ ספֿר באַטײַט: אין ספֿר איז בכלל ניטאָ קײן ספּעציעלע רובריק פֿון דער שטאָט און אירע פּרענומעראַנטן ווערן געגעבן אין אַ רובריק אָדער רובריקן פֿון אַנדערע שטעט אין ספֿר.

16. אַן אָפּשיק „זע אויך“ מיינט ס'רובֿ, אַז צוליב דעם זעלביקן אָדער ביז גאָר ענלעכן נאָמען פֿון צוויי ערטער קען געמאָלט זײַן, אַז פּרענומעראַנטן פֿון איין אָרט זאָלן זיך געפֿינען אין צווייטן; אין זעלטענע פֿאַלן באַטײַט עס איין אָרט, אָבער צוליב ריין־טעכנישע טעמים איז שוין ניט געווען מעגלעך זיי צו פֿאַראייניקן אונטער איין נאָמען.

17. די אָנהייב־אותיות אין יידישע און אָפֿיציעלע נעמען פֿון ערטער זײַנען אָפֿט ניט גלײַך. אין אַזאַ פֿאַל ווײַזט אַ הערה אונטערן יידישן נאָמען וואו עס צו זוכן אין לאַטײַנישן אינדעקס.

18. מיר האָבן אַרײַנגענומען ספֿרים פֿון קאַראַאימער, ווײַל אין זייערע פּרענומעראַנטן־רשימות זײַנען פֿאַראַן יידישע ישובֿים מיט יידישע חותמים.

*

קיצורים:

ב״ת — בתי־תפֿילה.
גוב' — גובערניע.
וו' — וואָיעוואָדשאַפֿט.
לאַט' — לאַטײַניש.
פּ' — פּרענומעראַנטן.
קל' — קלויז.

א

ביים זוכן ערטער מיטן אָנהייב־אות א׳, דאַרף מען געדענקען, אַז אין לאַטייניש א״ב קען דער א׳ זיין אַ, אָ, אי, או און אוֹ. טייל אַלפן זיינען ניט געפינטלט, ווייל מיר זיינען ניט געווען זיכער אין זייער גענויעם אויסלייג.

פאַרקירצטע נעמען — כמעט אַלע אונגאַרישע — אידענטיפיצירטע און ניט־אידענטיפיצירטע, ווי אויך ראשי־תיבותדיקע ערטער־נעמען ווערן געגעבן אין אָנהייב פון אות.

די לעצטע הערה איז חל אויף אַלע ערטער־נעמען פון אַלף־בית.

א׳ אויוואראָש, זע: אָוואָשאויוואראָש.
א׳ אירשא, זע: אַלבערטאירשא.
א׳ אפשא, זע: אייבעראָפשע.
1 **א׳ געניץ** — תורת אלי׳ — 2.
2 **א׳ האדנא** — דברי דוד — 14.
4-3 **א׳ וואלקוי** — קול אריה — (1).
א׳ ווישא, זע: אונטערווישעווע, אויך: אייבער־ווישעווע.
א׳ זשוק, זע: אָלשאָזשוק.
א׳ יאָרע, זע: אָלשאָיאָרע.
א׳ מעדיעש, זע: אָראָניאָשמעדיעש.
5 **א׳ סאנטעוו** — ים של יהודה — 9.
6 **א׳ פערעני** — שארית יעקב — 1.
7 **אָ־דעגעש** — שמחת הנפש — (1).
8 **אָ־ווערבאַס** — באר יצחק (תרנ״ח) — 2. ברכת משה (תרע״א) — (1).
9 **אָ־פאַליע** — שו״ת הפרי מגדים — 4.
רבנים: יחזקאל שרגא וויינבערגער.
10 **אָבאָד** — עיר מקלט (תר״ע) — (1).
11 **אבאדאי** — זהב שבא — 1.
12 **אָבאַדסאָלאָק** * — כבוד הלבנון (תרס״ג) — 4. פורת יוסף — 11.
13 **אבאזיא** (אבאציע?) — נפש יהונתן, א׳ — 4.
14 **אבאיטאָרנא** — אגרת התשובה — 1. בית נפתלי (תרס״ו) — 8. חוט המשולש — 6. ים של יהודה — 2. נהרי אפרסמון (תרע״א) — 24. קול אריה — 5. שבת שבתון — 3. שיח השדה — (1).
רבנים: פנחס טענענבוים.
15 **אָבאָני** (אָבאָנא) — אהבת ציון — 2. עשרה כלי כסף, א׳ — 1. תורת יקותיאל — 1.
רבנים: נ. בלומגרונד.
16 **אָבאַניע** — אהל מועד, א׳ — 1. ארץ צבי ותאומי צביה — 5. מוסדות תבל — 11. רחבות הבאור — (1). שו״ת מהר״ם שיק — 1. תוצאות חיים — 5.
17 **אבאפאָלאָ** — אילת השחר (תרל״ה) — 1. חומת אש — 1. חמודי אפרים — (2). נהרי אפרסמון (תרנ״ח) — 1. נטע שורק — 1.

* זע אויך: טיסאָאָבאַדסאָלאָק.

18 **אבאפאָלוואָ** — כוס הישועות — 3. רחובות הנהר — 1. שערי פדות — 1.
19 **אבאציע** — באר משה (תרצ״ו) — 3.
20 **אָבאָראַ** — חומת אש — 1.
21 **אָבאָרניק** — דודאי מהרא״י — 10. חובת הלבבות (תקצ״ה) — 1.
22 **אָבאָשפאָלאָ** — דברי משה (תרמ״ז) — (1).
22a **אָבזשיצק** (אובדזיצק, אובערשימצק) — חובת הלב־בות (תקצ״ה) — 2. היד החזקה — 5. כליל תפארת — 8.
23 **אביווא** — דרכי חיים ושלום — 1.
24 **אביוריע** (אָרום אָסטראָלענקע) — מנחת שי — 1.
25 **אַבילינע** (אַ ישוב אין ליטע) — נאום דוד — 1.
26 **אַבעל** ** — זכר חיים — 13.
27 **אָבעראווילאַ** — משניות, טהרות (תקצ״ד) — 1.
28 **אָבעראַלטערטהיים** — אהל מועד, א׳ — 1.
29 **אָבערדאָרף** — ברכות — 1..
30 **אָבערהאַגענטאַל** — דברי חכמים — (1).
31 **אָבערהאָלאַברון** — יד בנימן — (1).
32 **אָבערטין** (אבאָרטין, אבריטין) — אופן הגלגלים — 17. אמרי שהם — 14? כנפי יונה — 17. למודי הטבע — 2. רביד הזהב — 16. תורת הרא״ם — 5. ספר התמונה — 4.
רבנים: ישראל גרוים.
33 **אָבערלווישטאַט** — דיא געשיכטע דער יהודים — (1).
34 **אָבערמאָשעל** — 1 Ikkarim.
35 **אָבערנברייט** — דיא געשיכטע דער יהודים — 2. משניות, קדשים (תקע״ד) — 1. עמודי כסף — 3. ס׳ צחות — 1.
36 **אָבערנדאָרף** — משניות, קדשים (תקע״ד) — 8. עמודי כסף — 3. פירוש על התורה — 1. תורת משה — 29. 1 Ikkarim.
רבנים: גבריאל אדלער.

** אין לאַט׳ אינדעקס: אָבעליאַ.

37 **אַבערנהיים** — דברי חכמים — 4.

38 **אַבערנצען** — משניות, קדשים (תקע"ד) — 1.

39 **אַבערשטיין** — משניות, נזיקין (תקצ"ג) — 1.

40 **אַבראַהאַם** (אבראם) — אלף זעירא (תרפ"ג) — (1). אמרי יהודה (תרס"ב) — 4. אמרי שפר (תרמ"ז) — 6. וידבר משה — (1). כבוד הלבנון (תרס"ג) — 6. נהרי אפרסמון (תרנ"ח) — 1. נטע שורק — 7. פרת יוסף — 2. שו"ת הפרי מגדים — 3. שני עפרים — 2. שערי חיים, א' — 4.

רבנים: שמואל גינז, אשר אליקום טשעד.

41 **אבראַזעז** — אריה דבי עילאי (תר"ם) — (1). הכנת לב לתפלה — (1). תולדות אברהם — (1).

42 **אַבראַן** — לב חכמים — 4. שערי פדות — 4.

43 **אַבראָני** (ס' געאָרג) — אהל מועד, א' — 1. גרסא דינקתא — (1). חוט המשלש — 1. מטה יששכר — (1). מנוחת משה — 5. שו"ת מהריא"ץ — 2. שו"ת מהרש"ג — (1).

44 **אבראַנקע** (אובראנקע) — דברי משה (תרמ"ז) — (1). נדבת פי — 1.

45 **אָברודבאַניע** — שארית יעקב — 1.

46 **אָבריגהיים** — עמודי כסף — 1.

47 **אברישארע** — שערי פדות — 3.

48 **אַגאַרד** — בית נפתלי (תרס"ו) — 1. זהב שבא 3. יבא חיים, ב' — 1. ילקוט אברהם — 13. לקח טוב — 8. מחולת המחנים — (1). מסעות ירושלים — 1. חברות: עץ חיים.

49 **אגטינא** — חמודי אפרים — (1).

50 **אגנע?** — מראה יחזקאל (תרנ"ד) — (3).

51 **אגערבעק** — אבני צדק — 1.

52 **אגראביטש** — מראה יחזקאל (תרל"ה) — 4.

53 **אָגראָדזענץ** — שי למורא — (1).

אגראם, זע: זאגרעב.

54 **אַגריש** (אגרעש) — גרסא דינקתא — (1). דברי משה (תרמ"ז) — 2. זהב שבא — 2. מראה יחזקאל (תרנ"ד) — (1).

55 **אדא** — אפסי ארץ (תרע"א) — 11. בית היוצ"ר (תרנ"ו) — (1). ברכת משה (תרע"א) — (1). חומת אש — 1. משנה התלמוד — 1. סמיכת נופלים, ב' — 1. עשר קדושות — (1). שאילת יעקב, א' — 17. שו"ת מהר"ם שיק — 18. שמלה חדשה — 1. שערי חכמה — (1). תורת אלי' — 2. תפארת שלמה — 1. תקון אליעזר — (1).

רבנים: יעקב פראגער.

56 **אָדאָבעשט** (אָדאָבעשטי) — דברי מנחם — 6. כח שור, א' — 21. עשר קדושות — (9).

57 **אדאָווסק** — אמרת הצרופה — 4?.

58 **אַדאַמאָוו** — לקוטי תפלות — 1.

59 **אַדאַמאַש** — אבני צדק — 30*. חפץ ה' — 1+1. מראה יחזקאל (תרל"ה) — 15.

60 **אַדאַמוש** (אדאמיש) — אמרי שפר (תרמ"ז) — (3). דברי משה (תרמ"ז) — (1). מבשר טוב — 6.

61 **אָדאָני** (אָדאָן) — אבני אליהו — 3. אמרי שפר (תרמ"ז) — 6. באר מנחם — 12. בית היוצ"ר (תרנ"ו) — (1). טיב גיטין וקידושין — 6. יבא חיים, ב' — 2. ילקוט אברהם — 13. כסא רחמים — 2. נדבת פי — 2. תורת אלי' — 2. תפארת יעקב על התורה — 4.

62 **אדאראש** — שו"ת מהר"ם שיק — 2.

אָדאָרהיי, זע: סעקעליאודוואַרהעלי.

63 **אדזאעט*** — דרך חקיך — 18.

64 **אדזע** — בכורי ראשית — (1). זהב שבא — 1.

65 **אדזשוד** — עשר אורות — (1). עשר קדושות — (2). פליאות חכמה — 6.

רבנים: מרדכי לאַנדסמאַן.

66 **אדיגפּאָלוואָ** — דברי מנחם — (1).

67 **אַדלסדאָרף** — דיא נעשיכטע דער יהודים — 2. ספר צחות — (1).

אָדעלנוי, זע: דאלענאָווע.

68 **אַדעלסק** — אבות דרבי נתן — (1).

69 **אַדעס** (אָדעססא, אָדעססע, אודיססא, אודיסה, אָדעסה, אָדעססי) — אבן שמואל — 3. אבן השעות — 28. אבני זכרון — 1. אדרת אליהו — 39. אוצר ישראל, ב', ד' — 2. אור הלבנה — 29. אמתחת בנימין, ב' — 9. בית ידידיה, א' — 20. גרש ירחים — 73. ברכות (תר"ב) — 20. דבר חכמה — (1). כתר תורה (תרכ"ז) — 59. מורה חיים — 55. מים חיים — 7. מסה ומריבה — 42. מסתרי הגוים הקדמונים — 50. המפתח, ב' — 13. משא קרים — 6. המשביר, ב' — (1). משלי (תרי"ג) — 226. הנצנים — 79. ספרי פרץ סמאָלענסקין — 2. עדים נאמנים — 77. פרחי האביב — (4). פרי הרמז"ל — 62. צבא רב — (1). קול זמרה — 24. ראשית דוד — 156. רופא הילדים — (1). שבילי דרקיע (תרכ"ג) — 37. שדי חמד, ג' — 5. שערי אורה — 1. תהלים (תרכ"ו) — 45. תולדות נאַפּאלעאן — 1. תולדות השמים — (1). תעודה בישראל — 7. תפארת אברהם — 46. תפארת שאול, א', ג' — 27.

רבנים: יחיאל צבי הײלפּרין, אברהם יואל אבעלסאן, חיים טשרנוביץ, רב מטעם.

ב"ת: נחלת אליעזר, עין יעקב, מלביש ערומים, הלואת חן, מגיד, תהלים, בימ"ד ליטא, ביכ"נ דמוכרי קמח, ביכ"נ משוק חדש.

70 **אַדערסדאָרף** — מעין החכמה — (1).

71 **אַדעשדאָרף** (אדערסדאָרף?) — שפה ברורה (תק"ן) — (1).

72 **אדראַבאָוו** — בנין שלמה (תרנ"א) — 5.

* טייל — פון אַנד' שטעטלעך.

73 **אַדריאַנאָפּאָל** — אהל מועד, ד׳ — 1.
74 **אדרעקקערעסטור** — אריה דבי עילאי (תר״ם) — 3.
75 **אָהאָט** — מנחת ערב — 1.
76 **אָהאָטקאָטש** — מנוחת משה — 3.
77 **אהאלאָו** — בית ידידיה, א׳ — 2.
78 **אהיפאלא** — אופן הגלגלים — (2). שערי פדות — 2.
אָהריב: זע: אָרהע.
79 **אוביליא** (הויף אָרום ווייגעווע, ליטע) — פּליטי אפרים, א׳ — (1).
80 **אובליא** (איבליא) — בית היוצ״ר (תרמ״ב) — (1). חומת אש — 1. שמחת הנפש — (1).
81 **אובלע** (אבלוי) — בית נפתלי (תרנ״ט) — 1. קול אריה — 2.
אובן ישן, זע: בודאפּעשט.
82 **אוברעזש** (איברעזש) — אפסי ארץ (תרע״א) — (1). באר משה (תרצ״ו) — 4. חומת אש — 1. נהרי אפרסמון (תרע״א) — 2+1. עמודי עולם — (1).
83 **אוגאַלין** (אוגאַלינא) — בני גרשון — (1). מריר־יום — (1).
84 **אוגאַר** — אגרת התשובה — 1. ברכת משה (תרע״א) — (2).
85 **אוגארט** * — מגילת הסתרים — 5.
86 **אודווא** — חומת אש — 1.
87 **אודוואַרד** — אבן בוחן — (1). גפי אש, א׳ — 1.
88 **אודוואַרי** — אהל מועד, א׳ — 1. אמרי שפר (תרמ״ז) — 4. בית היוצ״ר (תרנ״ז) — (1). דברי משה (תרמ״ז) — (1). חידושי התורה — 1. טירת כסף — (1). מכלכל חיים — 2. מנוחת אשר — 1+1. מנוחת משה — 3. משנה התלמוד — 1. נטעי נאמנים — 8. סמא דחייא — 5. פרת יוסף — 2. שמן רוקח — 2. שערי פדות — 2.
רבנים: יעקב בערגער.
89 **אודוואריבא** — שו״ת מהר״ם שיק — 1.
90 **אודוואַרנאַק** (אדוואַרנאַק) — אהבת ציון — (1). אילת השחר — (2). באר יצחק (תרנ״ח) — 1. מהר״ם סופר, א׳ — (1). נהרי אפרסמון (תרע״א) — 1.
